# תורת יואל

גליון מס' 39

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת שלח תשפ"ה


## וידבר ד' אל משה לאמר, שלח לך אנשים וגו'.

דער מדרש ברענגט צו אן הלכה, **מהו לפרוש לים הגדול קודם לשבת ג' ימים**, די שאלה איז: צו מעג מען זיך ארויסלאזן אויף א שיף דריי טעג פאר שבת? שנו רבותינו: האבן אונזערע רבנים געענטפערט, אז מען טאר נישט, אויב אבער פארט מען פאר א דבר מצוה, מעג מען יא ארויספארן נאנט צו שבת.

דער רי"ף אין מסכת שבת איז מסביר, אז דער טעם איז וועגן **עונג שבת** ווייל ביז דריי טעג אויף א שיף האט מען **צער**, עס שטערט פון **עונג שבת**, נאך דריי טעג ווערט מען צוגעוואוינט, אויב אבער פארט מען לדבר מצוה דארף מען נישט חושש זיין, ווייל <u>העוסק במצוה פטור ממצוה</u>, איינער וואס איז עוסק - פארטהון אין א מצוה, איז פטור בשעת מעשה פון אן אנדערע מצוה, פרעגן די מפרשים, ווי קומט די הלכה צו די פרשת מרגלים?

דער רבי לייגט צו נאך א קשי', ווי אזוי איז מעגליך אז די שלוחים וואס זענען אנפאנג געווען עהרליך און כשר, און זענען אזוי שנעל געווארן איבערגעדרייט צו מרגלים - רשעים?

דער רבי ברענגט צו א דרוש פון הייליגען ספר **ערבי נחל**, וואס איז מסביר צוויי אופנים - וועגן, ווי אזוי דער יצר הרע ארבעט אויף א מענטש ער זאל זינדיגען רח"ל, די ערשטע וועג איז פשוט, ער רעדט צו א איד צו טוהן אן עבירה, וואס באמת מיט א ביסל התבוננת און לימוד התורה קען מען זיך שטארקן אויפן יצה"ר, ווי דער רבי דרוקט זיך אויס: <u>ווער איז דען א נער און וויל עובר זיין אויף דעם באשעפערס רצון</u> נאר וואס דען, ס'פעלט דער התבוננת, א מענטש טראכט נישט, און אזוי פאלט מען דורךליידער.

דער צווייטער וועג איז, ווען ער רעדט צו א תלמיד חכם א צדיק, דעמאלטס איז ער צובע - פארבט די עבירה, און מאכט עס אויסקוקען ווי א מצוה, און אויף דעם איז זייער שווער בייצוקומען דעם יצה"ה, מען דארף זיין א שטארקער תלמוד חכם, מיט אסאך סייעתא דשמיא נישט ארייננצופאלן אין זיין נעץ.

דער של"ה הק' איז מסביר, אז די מרגלים האבן מכוון געווען לשם שמים און געהאלטן אז די אידן מוזן נאך בלייבן אין מדבר כדי צו זיין ראוי' ארייננצוגיין אין ארץ ישראל, וואס באמת איז דאס געווען א פיתוי היצה, וואס דער יצה"ר האט אנגערעדט און געפארבט פאר א מצוה.

יעצט איז שוין פארשטענדליך דער מדרש וואס ברענגט צו די הלכה, ווען מ'מעג פארן אויף א שיף, וואס פון דארט זעהן מיר אז העוסק במצווה איז פטור מן המצווה, במילא האבן די מרגלים נישט געלערנט אויפן וועג, איז שוין נישט שווער די צווייטע קשי', וויאזוי דער יצר הרע האט זיי געקענט איינרעדן, אז דאס נישט ארייננגיין אין א"י איז גאר א מצוה, וויבאלד אז מען לערנט נישט האט מען נישט די כח התורה מיט זיך, צו פארשטיין וואס עס איז באמת די רצון השם.

# מעשה: שבת אין קליוולאנד

**שבת פרשת שלח תשי"ג**, האט רביה"ק געפראוועט שב"ק אין קליוולאנד אהייא, מיטן ציהל אויפצוטרייבן געלט פאר זיינע מוסדות יטב לב בארה"ק, אין איינוועגס מחזק זיין די ארטיגע איינוואוינערס

דער רבי האט געהאט א אויפנאמע בכבוד מלכים, אלע רבנים פון מרכז הרבנים ד'קליוולאנד, און ווי אויך די הנהלת הישיבה גדולה ד'טעלז, האבן געגרופן יהדות קליוולאנד, זאלן קומען און מקבל פנים זיין, די פלאקאטן האבן זיך געלייענט: **הוד כבוד קדושת האדמו"ר הגאון האמיתי קדוש ד' פאר הדור רבן ומאורן של ישראל.**

הגאון רא"מ בלאך, טעלזע ראש ישיבה, האט אויסגערופן א טאג בעפאר אין היכל הישיבה, אזוי ווי דער רבי'נס באן קומט אן 8:15, און זמן שחרית אין ישיבה איז 7:30, וועט מען מארגען מאכן א הויכע קדושה, צו ענדיגען שנעלער שחרית, <u>כדי יעדער זאל קענען אנקומען צום קבלת פנים</u>, צומארגענס אויפן באן סטאנציאן האט אפגעווארט א שיינער עולם.

דער שב"ק איז אדורך זעהר געהויבען, די תפילות, די הייליגע טישן, מוצ"ש נאך הבדלה האט מען באגלייט דער רבי'ן מיט פאקלען, בשירה וזמרה, און דער ציבור איז געקומען געזעגענען בקו"פ.

בשעת דעם געזעגענען, האט דער רבי פארציילט די פאלגענדע מעשה:

אין שטאט סיגוט איז געווען א פארפאלק וואס האבן נישט געהאט קיין קינדער רח"ל, און נאך ווארטן לאנגע יארן האבן זיי באשלאזן אז מ'גייט זיך גט'ן ביים שטאטס-רב, (דער קדושת יו"ט זצ"ל איז געווען רב אין סיגוט יענער זמן).

אין יענע טעג האט די שטאט סיגוט געהאט א גרויסן גאסט, דער הייליגער צדיק, **רבי מרדכי'לע נאדווערנער זצ"ל**, און די ווייב פון דעם פארפאלק האט געזאגט, לאמיר גיין זיך מתיעץ זיין מיט רבי מרדכי'לע פאר מיר טוהן אזא שריט, דער מאן איז נישט געווען קיין חסיד, און נישט געהאלטן פון די גאנצע רבי'סטעווע, אבער אז די ווייב האט געבעטן איז ער איינגעגאנגען.

אנקומענדיג צו די אכסניא, האט רבי מרדכי'לע נאך געהאלטן אינמיטן דאווענען שחרית, ווי זיין מנהג איז געווען צו דאווענען שפעט, און דער מאן און ווייב האבן זיך אראפגעזעצט ווארטן, אזוי ווארטענדיג היפש לאנג, האט געפלאצט זיין געדולד און געוואלט אוועקגיין.

אין די מינוט, דרייט זיך רבי מרדכי'לע אויס דעם קאפ צו זיי, און שרייט <u>אל תתגרשו, יהי' - יהי' - יהי'</u>, (נישט גט'ן, ס'וועט זיין, ס'וועט זיין - ס'וועט זיין) **דריי מאל**, פארשטייט אז זיי האבן געפאלגט, און שפעטער געהאלפן געווארן בזש"ק, און געבוירען דריי זוהן.

דער רבי האט צוגעענדיגט די מעשה, אז ער האט געקענט אין סיגוט, צוויי קינדער פון דעם פארפאלק, און היינט דא אין קליוולאנד, האט זיך געזעגנט ביי מיר דער דריטער זוהן, **זכותו יגן עלינו.**

אגב רביה"ק האט געהאט אינדערהיים אין סאטמאר א גבאי הרה"ח המפורסם ר' לייזער רויזמאן ז"ל, וואס איז געווען קודם א גבאי ביי **רבי מרדכי'לע נאדווערנער זצ"ל**, און דער רבי האט נאכגעזאגט א טייטש בשמו, **לשון רבינו:** דער גבאי מיינער האט מיר דערציילט אז ר' מרדכי'לע האט אמאל געטייטשט דעם פסוק **צהר תעשה לתיבה**, <u>אידן זאלן מאכן חלות אויף שבת</u>, **תעשה** מיינט דאך מען זאל מאכן, **לתיבה** זאגט דאך רש"י אין פרשת תרומה ביי די לחם הפנים, <u>הלחם עשוי כמין תיבה</u>, רעדט מען דאך שוין פון חלות, און **צהר** מיינט <u>לעכטיג</u>, און אז א איד האט חלות אויף שבת, איז דאך לעכטיג.

מנהג טעמו ומקורו

**מנהג: צו קושן די ציצית בשעת קריאת שמע.**

**נכדי היקר כמר אברהם ני"ו**, האט געפרעגט, צו מ'דארף קושן אויך ווען מען לייענט קרי"ש ביחיד, דאס הייסט נישט ביים דאווענען שחרית.

אין מגן אברהם שטייט: <u>גם נוהגים קצת, לנשק הציצית בשעה שרואה בם, והוא חיבוב מצוה</u>, טייטש: אז מ'קושט די ציצית יעדע מאל מ'זעט די ציצית, **כדי לחבב את המצות**, וויל מ'האט ליעב די מצוה, און דאס דארף מען טוהן אלעמאל, נישט דוקא בשעת קרי"ש, אדרבה ס'איז דא א שיטה וואס האלט אז מ'זאל נישט קושן ביי קרי"ש כדי נישט צו שטערן די כוונות פון קרי"ש, אונזער מנהג איז יא צו קושן, במילא קען מען קושן סיי ווען מ'זאגט קרי"ש, אבער ווען מ'לייענט קרי"ש ביינאכט, קושט מען נישט, ווייל <u>לילה לאו זמן קריאת שמע</u>.

(המשך בשבוע הבא)

**הערת הקוראים**

ידוע אז דער נאסאד'ער רב זי"ע איז אמאל געפארען צו א שטאט, מוצש"ק ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער זיך דערמאנט אז ער האט איבערגעלאזט דער טלית אין עס נישט צוזאמגעלייגט, די גבאי האט געזאגט אז מען וועט עס נעמען זונטאג, אבער דער נאסאד'ער רב האט נישט מסכים געווען, און ער איז בכבודו ובעצמו צירוקגעפארען דעם לאנגען וועג אין איז אנגעקומען פארטאגס, אלעס ווייל מען דארף אליין צוזאמלייגען דער טלית מוצש"ק.

(נפתלי שאהן - צפת עיה"ק)

הרה"צ מ'נייטרא שליט"א פיהרט זיך כמנהג אבותיו, און לייגט צוזאם דעם טלית בשעת'ן זאגן ויהי נועם.

(יחזקאל דוב באנדא, נייטרא מט. קיסקא יצ"ו)

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com